STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02628

OYF'N ZAMDIGEN VEG

Joseph Rolnick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראָלניק:

אויפ׳ן זאַמדיגען וועג

געווידמעט מיין טהייערער
שוועסטערקע פייגעלען.

ערשטע אבטהיילונג

.1

אין גלות

אָ, גאָט פון די ליעדער, ניט יאָג מיך פון דיר,
איך דאַרף ניט קיין אַנדערען האַרר אויסער דיר,
איך ליעב אויך די פּרוי וואָס דו האָסט מיר געשיקט
די פיצלאך, מיט וועלכע זי האָט מיך בעגליקט,
און פיהר מיך צום שופט, און פיהר אויפ׳ן שטעל,
און קלאַמער מיין אויער צום שופט׳ס טיהר שוועל ;
דאַן נעהמסטו דעם אָהל און דו טהוסט מיר מיין רעכט,
און זאַלבסט מיך אויף אייביג צו דיר פאַר אַ קנעכט.

.2

ניט פון טייכען בלוט און פייער,
ניט פון קאמפף און שטורמווינד,
זינג א ליעד מיר שטיל און הארציג,
ווי א מוטער זינגט איהר קינד.

ס'קען פאר שרעק דאס קינד ניט שלאפען,
ס'וויל דאס הערציל איהר פערגעהן,
און עס פלאטערט, און עס בעט זיך
מיט אן אומעטיג געוויין.

אויפ'ן בוידים סטוקעט עמיץ,
אויגען סטראשען פון דער נאכט,
שאטענס טאנצען אויף די ווענד אום,
און א מת אין ווייסען לאכט.

זינג א ליעד מיר, ווי א מאמע,
איך בין נאך א קינד אליין,
און איך בלאנדזשע אין דער פינסטער,
ס'ברעכט דאס הארץ פאר שרעק און פיין.

.3

ניט דערפֿאַר קען איך ניט שלאָפֿען
וואָס צו ניעדריג איז צו קאָפּען,
וואָס די קאָלדרע איז צוריסען,
ז'דורך די ברייטע שויבען־שפּאַלטען
קומען ווינטען פֿריי און אָפֿען.

ניט דערפֿאר, וואָס איך בין הונגריג,
אַלטע, צוגעוואָהנטע זאַכען;
נור דערפֿאר וואָס טיעף אין האַרצען
האָט שטיל אויפֿגעפלאַמט אַ ליכטעל,
און דאָס האַרץ וויל איצטער וואַכען.

4.

כ׳לעב אומעטיג, איינזאַם מיין וועלטיל,
דאָס לעבען איז לאַנג מיר צו לאַסט,
עס האָט מיך פערנאַרט דער שלימזל,
אויף אייביג מיט עלענד פערקנאַסט.

וואוהין נאָר איך זאָל מיך ניט איילען,
און וואו נאָר איך זיץ און פערוויל,
בעגלייט זי מיך שטענדיג, מיין טרייע,
און לאָזט מיך ניט אָב אויף א וויל.

עס שטראָמען די גאַסען מיט מענשען,
דער טומעל מיך רינגעלט ארום,
דאָך פלוצלונג בעריהרט זי מיין אַקסעל,
מיט איינמאָהל ווערט וויסט אַלץ און שטום.

און זיץ איך אַמאָל מיט א מיידעל,
ז׳קוק איהר טיעף אין די אויגען אריין,
מיין עלענד דאָרט זעה איך זיך באָדען,
ווי א שפּארבער אין׳ם בלענדענדען שיין.

און ליעג איך ביינאַכט אויף מיין בעטיל,
מיר טרוימט זיך פון איהר, אַלץ פון איהר,
און ווי נור בעגינען ערוואַך איך,
דערזעה איך זי באַלד נעבען מיר.

און ווען איך וועל רוהען אין קבר,
נאָך יאָהרען פון צער אָהן שיעור,
וועט זי ווי א וועכטער, א וויסטער,
מיך היטען און וואַכען ביים טיהר.

.5

איהר זיצט אין אַ ליכטיגער שטוב,
און קיינער פון אייך זיך דערמאָנט
אָן איינעם וואָס פינסטערט אין גרוב.
איהר זיצט אין אַ ליכטיגער שטוב.

אין קבר איז שטיינערדיג קאַלט,
און עמיצער זיצט אויף מיין ברוסט,
און פעסט פאַר'ן גאָרגעל מיך האַלט.
אין קבר איז שטיינערדיג קאַלט.

אין קבר איז פינסטער און שטום,
די ווערים זיי קושען מיין לייב,
און פויזען שטיל שווייגענד ארום.
אין קבר איז פינסטער און שטום.

אַרום ליעגען מתים צוזייט,
ווי קערנער פערלאָרען אין וועג,
און פוילען דאָרט שטילינקערהייט,
אַרום ליעגען מתים צוזייט.

איהר זיצט אין אַ ליכטיגער שטוב,
און קיינער פון אייך זיך דערמאָנט
אָן איינעם וואָס פינסטערט אין גרוב.
איהר זיצט אין אַ ליכטיגער שטוב.

.6

אויבען שטעה איך. פיעלע קלאפּטער
אונטען ליעגט די גראָהע גאַס,
און איך קוק אויף ווייטע שטרעקען,
לאַנג איז זי די גראָהע גאַס.

און ווי פליעגען, שוואַרצע פליעגען
פויזען מענשען, קריכען קוים,
אויבען שטעה איך. פיעלע קלאפּטער
אונטען ליעגט די גראָהע גאַס.

ווייט אַנטקעגען שטעהט אַ פּאַלאַץ,
ווייסער מאַרמאָר טהורעמס פיער,
ס׳גלאַנצט די זון אין זיינע פענסטער,
און אַ זון איז יעדע שויב.

באַהנען — ריטער לויפען, קומען,
שטעלען זיך צו מיינע פיס,
גריסען דיענעריש און העפליך
און פערשיידען לאַגזאַם זיך.

מיט אַ זילבער שפּאָרען קלינגען,
ווי עס פּאַסט פאר ריטטער זיך.
ס׳דאַכט זיך מיר: איך בין אַ קעניג,
און די האַלבע וועלט איז מיינס...

.7

זעה, דער בעטלער, בלייך און באָרוועס
איבער פרעמדע הייזער געהט;
הויבט זיין בליק צו יעדען פענסטער,
בויגט זיין קאָפּ פאַר יעדען טויער,
בעטעלט שטום אַ שטיקעל ברויט.

און עס עפענען זיך רוישלאָז
טיהר און פענסטער, דאָ און דאָרט;
ווער עס גיט איהם אַן אָקראַיעץ,
ווער אַן אָבגעשייערט פּרוטה,
ווער עס שיינקט אַ גוטען וואָרט.

פאַר דעם מזל'ס ברייטען טויער
שטעה איך מיעד און אָבגעשוואַכט.
און דער מזל, ווי אַ קמצן,
זיצט און צעהלט די גאָלד'נע רענדלעך,
קוקט פון פענסטער נאָך און לאַכט.

.8

און וואו נאָר איך געה איז אַ שמחה אַ פרייד,
און וואו נאָר איך טרעט — אַ חתונה־קלייד,
און וואו נאָר אַן אויג איך בעגעגען עס שטראַהלט,
מיין אייגענער בליק נור איז טרוי׳ריג און קאַלט.

וואָס געהען מייר חתונות פרעמד׳ע דען אָן,
וואָס האָב איך מיט לייטישע שמחות צו טהאָן,
איך בין ניט געלאַדען — מיך דאַרף מען דאָרט ניט,
נון שלעפּ איך זיך ווייטער מיט וואַקלענדע טריט.

.9

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
מיט ליפּען פערדורשטע, פערהונגערטע אויגען,
און טיעפע, פער'חלום'טע קנייטשען ראַזאָרעס
אַריבער זיין שטערען זיך האָבען געצויגען.

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
מיט זיינע בעהאַלטענע ליידען און פריידען,
זיין האַרץ האָט ניט זעלטען געוויינט און געזונגען,
פאַר לייטען, פאַר לייטען — דאָך שטיל און בעשיידען.

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
זיין האַרץ האָט געזונגען — די ליפּען געשוויגען,
און קיינער פון אַלע אַרומיגע מענשען,
אוי, קיינער געהערט האָט דעם ניגון.

.10

ביי מיין זייט שפּאַנט בלינד די מורא.
שעפּצעט : כ'זאָל ניט ריידען הויך ;
אָט דעריבער, ברידער, בין איך
אַזוי שטיל און אַזוי בלייך.

אויף מיין פּלייצע זיצט דער יאוש,
טראָפּען־ווייז מיין בלוט ער זויגט ;
דריבער מיינע פּיס זיך וואַקלען
און מיין קאָפּ צו דר'ערד זיך בויגט.

און פאַראויס פּארלויפט דער אומגליק.
שטעלט אוים צאַמען אויף מיין וועג ;
און דעריבער, ברידער, טרעף איך
אין מיין לעבען ניט דעם וועג.

.11

װען דער ליעבער גאָט
װיל בעשטראָפען דיך,
זאָגט ער: מענש, שטעה אויף,
קלייד זיך אָן אויף גיך.

נעהם דעם װאַנדער שטאָק
אין דיין רעכטער האַנד,
און פערבייט די היים
אויף אַ װייטער לאַנד.

אָן אַ פרעמדען שװעל
בלוטיגען די פיס,
ברעקלעך אויפקלייבען
פון אַ פרעמדען טיש.

אין דעם פרעמדען כוס
איז דער װיין פערגאָלט,
פון דעם פרעמדען'ס װיץ
װערט אי היים אי קאַלט.

ביי דעם פרעמדען טיש
װערגט דער ביסען ברויט,
איידער מענשען'ס גאָב
ליעבערשט איז דער טויט.

.12

איך וועל מעהר ניט געהן
צו קיין פרעמדע לייט,
וועל ניט אויסקלאָגען
זיי מיין ביטער הארץ.

ביי דער פרעמדער טיהר
ליעגט א שלעכטער הונד,
זיינע שאַרפע ציין
מאַכען מיר א וואונד.

און דער פרעמדער שטוהל
געהט אויף רעדלאַך אום,
ווייל איך זעצען זיך
דרעהט ער זיך אַוועק.

איך וועל זיין אליין
מיט מיין אַנגסט און פיין,
אין מיין חדר'ל
ביז'ן העלען שיין.

.13

מענשען לאכען אוים די אויגען:
„אין אזעלכע קאלטע צייטען
זאל א הארץ נאך ווארים שלאגען" —
כ'געה צום טייך מיין הארץ אבקיהלען.

כ'וועל אין אייז א לאך אויסהאקען,
אזוי גרוים פונקט ווי דאס הארץ מיינס,
און אין יענעם שווארצען אבגרונד,
וועל איך דריי מאהל ס'הארץ אב־טובל'ן.

איין מאהל ס'זאל פערגעסען ליעבען,
איין מאהל ס'זאל פערגעסען האסען,
און דעם דריטען מאהל— דעם לעצטען –
וועל איך לאנג איהר דארטען האלטען.

אין דעם שווארצען, טוידטען וואסער,
ביז א נייע, דינע הייטעל,
ווי א שפיעגעל הארט און גלאנציג,
וועט די פרישע וואונד פערציהען.

ביז דאס הארץ וועט זיך איינשרומפפען
ווערען קאלט און קליין און גליטשיג —
דעמאלט וועל איך איהר בעקומען
פון'ם אבגרונד — אויף א פאדים

וועל איך איהר ביים לאץ אנבינדען,
און וועל לויפען צו די מענשען,
און וועל צורופען מיט שטאלץ זיי :
„זעהט איך בין שוין ווי איהר אללע" !

.14

קנייפּ די באַק, און שטעל די פאַרב,
קיינער זאָל ניט וויסען,
ווי עס ווערט דיין אָרים האַרץ
שטיקלאך ווייז צוריסען.

קנייפּ די באַק, און שטעל די פאַרב,
זאָל עס שפּריהען, גליהען,
מיינען זאָל מען — אין דיין ברוסט
רויטע רויזען בליהען.

ביזטו עלענד אָדער קראַנק
מערקען זאָל ניט קיינער,
— דען פאַר בלייבע אַ געשאַנק
האָט די וועלט נור שטיינער.

.15

וואָס האָסטו צו געבען די מענשען ?
וואָס האָסטו געבראַכט אויף דער וועלט ?
דו ביזט ווי אַ נאַר אַנגעקומען
אויפ'ן מאַרק גאַר אָהן סחורה, אָהן געלד.

און קוקסט ווי עס האַוועו די לייט דאַ,
מען קויפט און פערקויפט נאָכאַנאַנד,
דו איינער נור שטעהסט אין אַ ווינקעל
און בעטלענדיג שטרעקסט אויס די האַנד.

נור ס'קוקט זיך גיט אום אויף דיר קיינער,
פארנומען איז יעדער מיט זיך.
קורץ פרייטאג איז היינט, און מען איילט זיך,
דער שבת רוקט אַן זיך אויף גיך.

און ווער עס וועט איצט ניט אַנגרייטען,
דער הונגערן וועט פיעל און שטאַרק,
נור — ט'קלאַפּט שוין דער שמש צו מנחה,
און יאָגט רייך און אָרים פון מאַרק.

.16

מיינע גליקען, מיינע גליקען
קען איך אַלע אוועקגעבען,
מאַנצלען ליעבע, בעטלען פריינדשאפט,
עלענד זיין א גאַנצען לעבען.

קלאַפּען אין פערמאַכטע טירען,
רופען צו פערשטאָפּטע אויערען,
איינזאַם קוועלען זיך און שמאַכטען
נאָך אַ פריינד וואָס ניט געבוירען,

נאָך אַ גליק וואָס ניט באַשערט איז,
נאָך אַ טרוים וואָס איז פארפלויגען;
האָבען לופט־שלעסער אין זינען
און אַ מיסט־גרוב פאַר די אויגען.

17.

עלענד איז מיין קיילינער צימער,
ס'שיינט אויף איהם די זון קיין מאָל;
הויכע ווענד אַרום איהם שטעהען
און ער פינסטערט אין אַ טהאָל.

לוסטיג־העלע מאָרגען שטראַהלען
וועקען מיך פון בעט ניט אויף.
דאָרט איז דאַן אויך בין השמשות
ווען די זון שטייגט הויך אַרויף.

שוואַרץ די ווענד, און שוואַרץ די סטעליע,
איינגעהויקערט איז די טיהר,
און עס פעהלט דער פענסטער שויבען,
און עס בלאָזט אַ ווינד דורך איהר.

און ווען וואָלקענדיג דער טאָג איז,
און אַ רעגען קאַפּעט פויל,
ווערט דאָרט פינסטער ווי ן'אַ קבר,
און מיין לייב נעהמט דורך אַ גרויל.

איך צינד אָן דאָס חלב ליכטיל,
אומעטיג איהר פייער ברענט;
מתים־ליכט, — און ווי די מתים
בלייבען שאָטענס אויף די ווענד.

* * *

אָרים איז מיין קליינער צימער,
אָרים זעהר מעבעלירט,
גאָר און גאָר אַן אַלטע בעטיל —
און אויך דאָס בעלאַנגט צום ווירטה.

און ביים חמורנעם פענסטער שטעהען
זייט ביי זייט מאַשינען צוויי,
אויך אויף אויסצאָהלען גענומען, —
העמדלעך נעהען מיר אויף זיי.

מיר — אַ יונגער מאַן אַ צווייטער
אויף דער זעלביגער קוואַרטיר,
וואָרפט ווי איך צוגלייך די העמדלעך,
שלאָפט אין זעלבען בעט מיט מיר.

אָרים איז דאָס לעבען אונזרער,
שמעקט מיט אָרימקייט דורכאויס;
מיט אַ הערינג, מיט אַ קעזיל
קומען מיר אַ מיטאג אויס.

נור אַ האַרציגער, אַ גוטער
איז דער צווייטער יונגער מאַן;
און מיר טיילען זיך מיט אַלעם
ווי געטרייען ווייב און מאַן.

גאַנצע קליידער — בלויז איין אַנצוג —
האָבען ביידע, ער און איך,
זיינע הויזען, מיינס — אַ רעקעל,
און אויף שותפות גאַנצע שיך.

און ווען איינער גערט פערברייננגען, —
אין דערהיים דער צווייטער בלייבט ;
פוסט . . . דער דלות זיינע גיטער
אין דעם אינוועגטאר פערשרייבט.

* *
*

איינזאם איז מיין קליינער צימער,
איינזאם פיהל איך זיך אין איהם ;
קיינער קומט מיט אונז ניט פלאפלען,
דארטען קלינגט קיין פרויען שטים.

אויסער פרייטאג, — זינגער'ס אגענט
מיט א ביכעל אין דער האנד
קומט, פערשרייבט און גערט אוועק באלד,
ווידער בלייבען מיר ביינאנד.

און דער צווייטער, ווי ס'ווערט אבענד,
דרעהט זיך אויס די וואנצעס גוט,
טשעפעט אן א ווייסען קראגען
און אן אלטען שטרויען הוט.

אין א הויז גערט ער פערברייננגען,
מיידלאך זיינען דארט פאראן,
און מען טאנצט דארט אלע שבת,
און מען שפיעלט דארט פארטעפיאן.

און אין קליינעם טונקעל'ן צימער
בלייב איך זיצען גאר אליין.
שטיל.... עס הערט זיך ווי א מייזעל
זעגט א ברעטיל מיט די ציין....

.18

מיין שטעקען האָב איך אויסגעהאַקט שוין,
מיין טאָרבע איז אויך צוגעריכט,
איך לאָז זיך אויף גאַסען און וועגען,
דער נעבעל ליעגט ברייט און געדיכט.

מיין לייב וועלען דערנער צושטעכען
און שפּיציגע שטיינער — מיין טראָט,
און אומפאַלען וועל איך ניט איינמאָל
צו לייטיש געלעכטער און שפּאָט.

שענקט מענשען זלזולים — נדבות,
שענקט געטער מיר צער און לייד —
מיין שטעקען איז אייבען האַלץ עכטער
מיין בעטעל זאַק טיעף איז און ברייט.

.19

א רעגען גיעסט

מאך אויף א בוך
מיט אלטע בלעטער, יונגע זאגען ;
פון לויטער קעניגליכע פרינצען,
פון וויעדמעס וואס אויף קוליעס טאנצען,
פון פרומע וועלף, בריליאנטנע היילען.
וואס ציהען זיך אויף זיעבען מיילען,
אומזיסט, אומזיסט,
א רעגען גיעסט

קלינג אן און רוף,
און קומען וועלען גוטע ברידער
מיט שמייכלען אויף די רויטע ליפען,
און ברייגגען רויטען וויין צוטראגען,
און וועלען מיט די בעכער קלינגען,
און הילכיג, לוסטיג־ליעדער זינגען,
אומזיסט, אומזיסט
א רעגען גיעסט.

שטעל אויף די בעט,
און שלאג אויף הויך די ווייכע קישענס.
ז׳מאך לויז דעם טונקלען פענסטער פארהאנג,
און מיט בעטריבטער זעעל און גליעדער
ווארף זיך אריין אין פוכען אבגרונד,
און לאז די טרעהרען רינען, רינען....
א רעגען גיעסט....

.20

כ׳האָב געוואַנדערט איבער כוואַליעס,
און געלאַגערט אויפ׳ן תהום;
דאָך, גאָט דאַנק, איך בין דערשוואומען,
און אַ פעלז איז איצט מיין היים.

רופט מיך ווער פערפיהרען ווינדען,
יענע שטימע ערגעץ וואו;
שטרעקט אַ האַנד מיר אוים אַ חבר,
גנב׳עט עם דער חשך צו.

.21

און האָסטו, אַ, גאָט, מיר מיין הימעל
מיט וואָלקענס פערצויגען דורכאוים
און טריעב איז מיין טאָג און פערואומערט,
ס׳שיינט קיינמאָל די זון ניט אַרוים.

טאָ שענק האָטש אַ נאַכט מיר אַ טרייע,
מיט זיסע חלומות גאָר פיעל,
און אָבקומען זאָל איך מיין וועלטיל,
אין חלום׳ען, חלום׳ען שטיל.

22.

עס טרעפט אַמאָל אין מיטען נאַכט :
עס שפּאַלט אַ פונק דעם חשך שטום,
דער הימעל, דאַכט זיך אוים, ער לאַכט,
אַ שטערען ציהט אַ גאָלדנעם שנור,
דאָך באַלד בלייבט ניט פון דעם קיין שפּור.
און פינסטערניס בלויז רוהט אַרום.

אויך אויף מיין לעבענס שווארצען פאָהן
האָט ווען ניט ווען אַ שטראַהל געטאָהן,
האָט ווען ניט ווען אַן אויג געגלאנצט,
אַ קלאָהר געלעכטעריל געטאַנצט,
און איינמאָל אין אַ ווייכער בעט,
אַ ווייכע האַנד מיין האָאָר געגלעט — — —
אויך אויף מיין לעבענס שווארצען פאָהן
האָט ווען ניט ווען אַ שטראַהל געטאָהן.

.23

גאָלדנע שטערען, בלאַנקע שטערען,
מענשען'ס טרייסט, דעם הימעל'ס טרוים,
שיינען אין דער נאַכט — און שווינדען,
ווי דער מאָרגען ווייזט זיך קוים.

אויף דעם האַרצען'ס שוואַרצען הימעל
שימערירען האָפנונג, גליק;
דאָך זיי לעשען זיך ווי שטערען
פון דעם לעבענס קלאָהרען בליק.

.24

איך בין ניט מקנא די וואָלקענס,
אַ שפּיעלצייג צו זיין ביי דעם ווינד,
און ווייזט זיך די זון אויפ'ן הימעל,
דאַן ווייכען דעם פּלאַץ איהר געשווינד.

איך בין ניט מקנא די וואָלקענס
דאָס אייביגען וואַנדער'ן היןֿ־הער.
און ווען עס קלייבט אָן זיך דער צער,
עס אָב'פּטר'ן קוים מיט אַ טרעהר.

25.

צום טיש, צום טיש,

צום טיש, צום טיש,
ווער שפּיעלט מיט מיר?
איך שטעל אין קאָן:
אַ לאַפּקע פון אַ שוואַרצען האָהן,
אַ שטיקעל פאַרב־פּאַפּיער,
אַ חלום ניט פערענדיגט האַלב,
אַ ניט־דערקוילעט קאַלב,
אַ טיטעל וואָס איז האַלב פערמעקט,
און עהרע אָבגעניצט, פערפלעקט,
אַ שערבעל פון אַ סדר כוס,
אַ דאַרע בלאַט, אַ חורבה גראָז.

* *
*

ווער געהט צום טיש?
ווער שפּיעלט מיט מיר?
איין איינציג קאַרט, אַ מלכה יונג,
און איינציג שפּיעל, אַ זילבער קלונג,
איהר געהט ניט, ששאַ... איך שפּיעל מיט — מיר —
און נעהם זיך אַלע מלכות פּיער.

.26

דער ערד'ס בלויזען קערפער מיט ציטריגע פיס־טריט
האָב באַרפיסערהייט איך בעריהרט,
און ס'איז מיר געווען ווי כ'וואָלט מיט זיי צערטליך
אויף מיידעלשע אַקסלען געפיהרט.

דערפיהלט־האָט די ערד מיינע ווארימע לאַסקעס,
און דאַנקבאַר געוועזען צו מיר,
זי האָט זיך דעם בוזים בעפוצט און בעשאָטען
מיט שפּיציגע שטיינדלאך פאר מיר.

.27

איך ווייס — עס וועלען מיינע טרוימען
צורינען ווי אַ לייכטער דופט,
דאָך ווילט זיך האָפען מיר און גלויבען,
דאָך בוי איך שלעסער אין דער לופט.

אַ בלום בויגט אימער זיך דער זון צו,
אַ הארץ טרוימט אימער אַ פערלאַנג,
עס וועלקען די און שפּראָצען נייע,
דאָס טרוימען זעלבסט בליהט אייביג לאַנג.

.28

שנעע באדעקט מיין שטערענס ווינקלען
פראָסט די באַקען מיינע ווייסט,
דאָך אין האַרצען — בליהען טרוימען, —
שעהנע מיידלאך קומט און רייסט.

ווינטער בלומען, אונצייט בלומען,
אוי ווי טייער קאָסטען זיי,
וואַרים זיי מיט בלוט פון האַרצען,
זעטיג מיט נשמה וועה.

.29

מיינע גליקען רייכע שטונדען,
מיינע זונען קלאָהרע טעג
בלאָנדזשען ווי יתומים־קינדער
אויף אַן אונבעקאַנטען וועג.

און זיי זוכען מיך און רופען,
און געפינען מיך ניט אוים;
פאלען זיי אין פרעמדע ארעמס,
טוליען זיך אין פרעמדען שוים.

צווייטע אבטהיילונג

.1

מיידלאך

כ׳בין אַ זינג פויגעל, קיין אָדלער,
האָב קיין ברייטע, שטאַרקע פליעגעל,
חבר זיך ניט מיט די וואָלקענס,
פאַר זיך זינג איך מיר אַ ליעדעל.

פון אַ לאַנד אַן אונבעקאַנטער
ציהט אַ וואָלקען מיט אַ גבורה,
בליצען האַלט ער אין זיין בוזים,
ווי אַ פינסטערע בייזע בשורה.

ס׳קנאַלט דער דונער, בליצען צוקען,
ס׳שאַלט דער שטורעם ווינד: „נצחון!“
טויזענד שטאָלצע אָדלער פליעגעל
וואַלגערן זיך אין זאַמד צובראָכען.

אין אַ גראָהען אייכען פוטער,
טיעף געשיצט פון שטורמס ברומען,
לאַך איך פון דעם הימעל׳ס וואונדער
און בעזינג דער לאַנקעס בלומען.

.2

קענט איהר די פּרינצעסין יוזשע ?
אין אַ קעלער שטיבעל וואָהנט זי,
מיט איהר מאַמעשי, דער אַלטער,
אויף דער מוראַנאָווער גאַס.

קענט איהר די פּרינצעסין יוזשע ?
מיט די בלאָנדע צעפּ, די לאַנגע,
מיט די וואונדער־בלאָהע אויגען,
אויגען בלאָהע, הימעל אויגען ?

„יוזשע“ איז איהר גויש נאמען,
דען אין אידיש הייסט זי „יענטיל“,
און פּרינצעסין רופט זי יעדער
ווער געזעהן האָט איהר חאָטש אייגמאָל

איך האָב מעהר ווי איינס געזעהן איהר
דורך די קליינע קעלער שויבלאך,
אין די אָסיען נעכט, די פּיעלע,
און איך רוף זי „מלכה־יוזשע“.

יע, אין אמת ז'איז אַ מלכה,
פּיעלע האָט זי איבערוועלטיגט,
קניען זינקען, הערצער שטרויכלען
און געמיטהער שטאָלצע ברעכען.

ווען זי ווייזט זיך אויף דער גאַס נור
אין איהר קרוין — די גאָלדנע לאָקען,
פיעלע פרייע שטאָלצע ריטער
האָבען טרייהייט איהר געשוואָרען.

קענט איהר די פרינצעסין יוזשע?
לעגט צו איהרע פיס מיין שטייער:
רוהם און ליעבע. זאָגט דער מלכה:
אין אַ פרעמדער לאַנד און אונטער

פרעמדע הערשער און מנהגים,
האָב מיין שוואור איך ניט געבראָכען,
בין איהר אונטערטהאַן פערבליבען
און איהר טרייער קנעכט אויף אייביג.

זאָל זיין חסד גאָט ניט אָבטאָהן
פון איהר קאָפּ, דעם גאָלד געלאָקטען,
לאַנג רעגירען איבער הערצער
זאָל נאָך די פרינצעסין „יוזשע“.

.3

מיין האַרץ איז אַ טייכעל געוועזען
פערצויגען אין ווינטער מיט אייז ;
האָסטו מיט דיין בליק עס צושמאָלצען,
און ס'פּלעטשערט דאָס שטראָם איבער אַ נייס.

מיין האַרץ איז אַ גאָרטען געוועזען,
פערדאַרט דורך אַ בייזען געמיטה,
דיין וואָרט האָט דעם כשוף פערטריבען,
און ס'גרינט דאָרטען וויעדער און בליהט.

מיין האַרץ איז אַ פיעדעל געוועזען,
דער בויגען צו איהר האָט געפעהלט,
דו האָסט עס בעריהרט — און פון דעמאָלט
אין האַרץ ביי מיר זינגט זיך און טרעלט.

.4

איך קלייב צו מיין קליינעם צימער
פאר מיין מיידעל — זי וועט קומען
אין אַ ווייסע זומער קליידעל,
און די האָר אין רויזען בלומען.

זי וועט קומען מיך בעגליקען,
צערטלען, קושען און אומאַרמען,
דריקען פעסט צום הייסען בוזים —
ווי אַ מלאך, שטיל אָהן ליאַרמען

וועט די ארעמס זי אויסשפרייטען,
וועט מיר שענקען איהרע בלומען....
פריילאך איז מיין קליינער צימער
זי וועט קומען, זי וועט קומען.

5.

זי איז אַוועק, און האָט מיין האַרץ
מיט זיך אַוועקגענומען
אין שטילען דאָרף, אין קליינעם הויז.
וואו געלער זאַמד באַדעקט די ערד,
די וועגד בעציערען בלומען.

און ווען עס וועט דער קאַלטער פראָסט
מיט זיינע הענד אומאַרמען
איהר קליינע היים, — וועט זי מיין האַרץ
צו איהרער דריקען ליעב און טריי
און טרייסטען זיך און וואַרמען.

— — — — — — — — — — — —

זי איז אַוועק, און האָט מיין האַרץ,
מיין וואַרים האַרץ פערטראָגען,
און ווידער בין איך הויל און וויסט
ווי נאָכ׳ן זומער שטעהט דער בוים,
ווי פון אַ טרוים בעטראָגען.

אַט רוקט זיך אָן דער אָסיען גרוי,
די בלעטער פאַלען אָב און שטאַרבען
און ווי אַ בוימעל אויסגעשטעלט
אַליין אין פעלד, אַזוי וועל איך
פערטריקנען און פערדאַרבען.

.6

אויף'ן קראנקען בעט

כ'ליעג אין בעט אַ צוגעשמידטער,
קאַמער־וועגטלעך איז מיין וועלט,
און דער זייגער איז צובראָכען,
און די צייט איז אָבגעשטעלט.

ס'קלאַפּט דער שמש ניט צום דאַוונען
און קיין העהנער קרעהען נישט,
וואַך און שלאָפען, טרוים און וואַרהייט —
אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט.

נאָר אַ לעהרערקע, אַ מיידעל,
וואָהנט אַנטקעגען איבער מיר,
קוק איך שטענדיג צו איהר פענסטער, —
פאַר אַ זייגער דיענט עס מיר.

פריה צו מאָרגענס איז דער פענסטער
מיט אַ ווייסען בעלם פערמאַכט,
דעמאָלט ווייס איך שלאָפט דאָס מיידעל
און דער זייגער איז „פאַר אַכט".

נאָר — אָט הויבט זיך די פאַרהאַנקע,
ווי פון זיך זעלבסט, שטיל און זאַכט,

ווי צוויי לאנגע ברעמען־פרענזען,
ווען דאס אבגרונד אויג ערוואכט.

און א שווארצע פרויען קעפּיל
שווימט אַרוים אין העלען שיין;
אויפגעשטאנען איז מיין שכנה,
און דער זייגער איז שוין „ביין“.

* *
*

ווידער מאכט זיך צו דער פענסטער,
ס׳פאלט דער פאָרהאנג מיעד און בלאס, —
„צוועלף דער זייגער“, און דאס מיידעל
געהט אַוועק ביז נאכט אין גאס.

קלעמענד קוק איך אויפ׳ן פענסטער,
אין מיין אויג א טרעהר זיך שטעלט,
עלענד איז מיין קליינע קאמער,
עלענד, ווייסט מיין גאנצע וועלט.

מיטאג שטונדע, נאכט און דרימעל, —
אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט,
און דער זייגער איז צובראכען,
און די צייט — זי ריהרט זיך נישט.

* * *

פינסטער נאכט — איך קוק צום פענסטער,
ס׳האט א שטראהל דאָרט אויפגעבליצט,
ז׳האָט די „שטונדען“ אבגעגעבען, —
„צעהן“ דער זייגער איז עס איצט.

דורך דעם דינעם פאַרהאַנג זעה איך
ווי ס'בעוועגט זיך אום איהר האַנד,
און ביי מיר אין פינסטער'ן חדר
טאַנצט אַ שאָטען אויף דער וואַנד.

ס'טאַנצט דאס טונקעל שאטען הענטיל,
אַלערליי „פיגורען“ מאַכט,
ס'דאַכט זיך: נויגט זיך מיר און ווינקט צו:
זיסען שלאָף, אַ גוטע נאַכט.

דאָך, דער שלאָף, ער וויל ניט קומען;
שכנה, שכנה, הערסטו ניט
ווי איך וואַרף זיך אויף מיין בעטיל,
ווי עס רעגט זיך מיין געמיטה?

.7

חלום, גיעבסט אַמאָל אַ שיין,
האָפנונג, גיעבסט אַמאָל אַ בליץ,
און איך אַלטער, אַלטער נאַר,
איך פערשטעה קיין וויץ.

גלויב איך אַלץ וואָס חלום׳ט זיך,
ז׳געה דעם טאָג אַרום
ווי אַ חלום אויף דער גאַס
וואַקעלדיג און שטום.

.8

זי האָט געפיהרט מיך ביי דער האַנד,
ביים אַרבעל אָפט געשלעפט;
געשפּרונגען האָט מיין הארץ פאַר פרייד,
אָיאָ! וואָס מען דערלעבט....

זי האָט געפּלוידערט מיט מיר לאַנג,
מיט ליעבליכקייט ערשטוינט,
און האָט צום סוף פערגעסען זיך
מיר זאָגען וואו זי וואָהנט....

.9

דו וואוינסט אויפ'ן ערשטען שטאָק,
איך וואוין אויפ'ן דריטען,
און דער צווייטער גארען ליעגט
צווישען אונז אין מיטען.

דריי יאָהר אז מיר ליעבען זיך,
עמיץ שטערט אונז אימער;
זענען עס קיין פרעמדע לייט,
איז א פרעמדער צימער.

.10

האָסען האָב איך זיך געשוואָרען
דיך און גאָר דיין הויז געזינד,
האָב איך דיר גאָר ליעב בעקומען, —
אַזאַ פאַלשקייט, אַזאַ זינד.

שולדיג זענען יוגענד יאָהרען
און דעם הימעל'ס גאָלדנע שטערען
אין אַזעלכע נעכט און עלטער
קען מען לייכט פעררעטהריש ווערען.

.11

נעכטען פינסטער אָווענד בין איך לאַנג געשטאַנען
און געוואַרט אויף דיר,
פראַסט די גליעדער אַלע — וואַרים איז געוועזען
נור דאָס האַרץ אין מיר.

ס׳איז אַרוים דיין באבע, ס׳איז אַרוים אַ שכנה,
אויף די גאַס געוועזן,
דו נור מיין געזוכטע, דו נור מיין געליעבטע,
האָסט מיך ניט געזעהן.

.12

געליהען האָט דער שניי ביים הימעל בלאָהען חלום.
און שטילע ווייסקייט האָט די הויך ביים שניי גענומען,
און שטערען האָבען זיך געטוקט אי דאָ אי דאָרטען,
און ס'איז אַ ווינטער־נאַכט אַרויסגעקומען.

און ביז די קניע אין שניי, דעם גרויסען ים פון שימער,
געשטאַנען זענען צוויי, מיר צוויי בלויז געגענאיבער,
און דורך אַ ווייטער שויב אַ פלעמיל האָט געפלאַטערט,
און אומגעוואָרפען זיך אין גסיסה פיעבער.

געהאַט פיעל האָבען מיר זיך איינס דעם צווייט צו זאָגען,
דאָך איז קיין איינציג וואָרט פון מויל אַרויסגעקומען,
און ווי דער ווייסער רוים, דער בלאָהער שניי, מיר האָבען
גע'חלום'ט אויך אַ בלאָהען טרוים א שטומען.

.13

ציעה אָן אַ ווייסע העמד
און וואַש די פיס דיר ריין,
און נעהם אַ רויטע בלום
און נעהם און קום צוגעהן.

און שטיל קום צו מיין טיהר,
און שטיל גיעב איהר אַ שטויס,
און שטרעק די הענד בלינד אויס,
און ווארף זיך אין מיין שויס.

און בלינדערהייט און שטום
ענטבלויז דיין סאַמעט לייב,
ניט רייד, ניט וויין, ניט לאַך,
ניט לאַך מיין חלום־ווייב.

.14

קלעפּט דער שלאָף די אויגען מיר
מיט אַטלעס פינגער צו,
זינגט מיר אויפ'ן אויער שטיל,
וויגט מיך איין ליו־ליו.

טראָגט אויף ווייכע ארעמס מיך
אין אַ ווייטער לאַנד;
דאָרטען לויפט אַ וואַסערל,
ברעגעס געלער זאַמד.

אַ בת־מלכה זיצט ביים ברעג,
קוקט ז'דער ווייט אריין,
„מיידעל אין אַ ווייטער לאַנד,
וועסט היינט מיינע זיין".

.15

מיין שטערען וועט ווערען פערלאָשען
און איך וועל פון זינען אראָב,
און וואנדלען צומישט אין די גאסען,
ווי פייער וועט ברענען מיין קאָפּ.

און נאָכלויפען וועלען מיר קינדער,
ס'וועט טהאָן ווער א ציפּ ווער אַ שלעפּ
און אַלטע, ערפאַהרענע אידען
מיר נאָכשאָקלען וועלען די קעפּ.

נאָר ווען ס'וועט אַ מיידעל, אַ יונגע
מיינע בלאַנדזשענדע אויגען דערזעהן,
דערשרעקען וועט זי זיך און טראכטען:
„וואָס ס'קען פון אַ ליעבע געשעהן..."

.16

אַ שמוציגע פוס, ווי אַ שרץ בעריהרט האָט
מיין חתונה־קלייד,
אַזוי ווי אַ וואונד טהוט דער פלעק צו מיר רופען,
פערשטערט איז מיין פרייד.

אינ'ם זילבערנעם בעכער געטהאָן האָט אַ פרעמדער,
גלייכגילטיג אַ שפּיי,
פעראומרייניגט איז איצט דער כוס פון דער חופה,
מיין גליק איז פארביי.

מיין טויב־פרומע כלה האָט עמיץ בעליידיגט,
בעליידיגט אָהן רעכט,
גאָט־לעסטערער זענען אין היכל געקומען,
מיין סוד איז פערשוועכט.

17.

הײנט צו נאַכט איז אַ מײדעל געװען
און גענעכטיגט אין קאַמער בײַ מיר,
איך האָב שטאָק־בלינד די פענסטער פערשטעלט,
און דרײַ מאָל פערשלאָסען די טיהר.

בלאָה געװען איז דער חדר'ל מײנס,
ס'האָט די שכינה גערוהט אויף די װענד,
כ'האָב אַ תפלה געשטימט אין דער שטיל,
קוים דער פײַער אין לאָמפּ האָט געברענט.

כ'האָב אַ תפלה געשטימט אין דער שטיל,
הײליג איז דאָן געװעזען מײַן בעט,
כ'האָב פּאָר פינגער צאַרט־װײסע געקניעט,
נאָר די נאַכט איז אװעק אין געבעט.

.18

צולעצט האָט זי געפונען זיך. זי איז
ביי מיר געווען. איך האָב איהר האַנד געדריקט,
איהר קליינע ווייסע האַנד, זי איז די זעלביגע,
מיין אַלטער פריינד, דער עדות פון מיין קינדהייט
די זעלבע הייטערקייט. דעם קינדיש־פרייען אויסדרוק,
די זאַנפטע ווייבליכקייט האָט ניט פאַרטריבען נאָך
פון איהר געזיכט. נאָך גלאַנצען איהרע אויגלאך.
קיין שפורען פון אַן איינציג טרעהר אויף זיי
ניט צו דערקענען איז, און העל דאָס קול׳כיל קלינגט
אָהן וועהמוטה. זיי געגריסט מיין לוסטיג פויגעל מיר,
פיללייכט ווערסטו מיט דיינע פינגער וויכע
אַן איינציג קנייטש פון שטערען מיר אָבגלעטען.

דריטע אַבטהיילונג

.1

מיין ווייטע היים

האָט זיך מיר געחלום'ט
רעגען, קעלט און ווינד,
און דער וועגיל טראָגט זיך
קעגען שטורם־ווינד.

קומט פערביי אַ שטיבעל,
פון אַ פענסטער בליצט
העל אַרוים אַ לעמפּיל,
און אַ מיידעל זיצט

ביי אַ קליינעם טישעל;
אָבגעצעהרט און בלאַס,
בעקלאָך איינגעפאלען,
אויגען — גרוים און נאַס.

ווילט זיך מיר אָבשטעלען
אַנקלאַפּען אין טיהר,
פרעגען איהר: וואָס מאַכט זי?
צו דערקענט זי מיר?

טראָגט מיך ווייט און ווייטער
ז'וויסטען פעלד אַליין,
שטיבעל, לאָמפּ און מיידעל
בלייבען הינטען שטעהן.

.2

איך וועל קומען אין מיין שטעדטיל,
ווען ס'וועט בליהען אומעטום,
ווען די סעדער וועלען רוישען,
גרינען וועלען בערג אַרום.

ווי אַ חופּה איבער'ן שטעדטיל
הענגען וועט אַ הימעל ריין,
פריי און לוסטיג אַרוים קוקען
פון דער ערד וועט יעדער שטיין.

כ'קען אין דיינע שמאָלע געסלאך
יעדע אויסגעקרימטע וואַנד,
אויף דיין מאַרק — מיר יעדער טישעל,
יעדער קאַשיקעל בעקאַנט.

איך וועל קומען צו דיר, שטעדטיל,
מיט דיין ליעבען זומער־שעהן,
גריסען טריי דיין יעדע בלימעל,
קושען היים דיין יעדען שטיין.

3.

א מילדער זומער־ווינטעל טהוט
די פאַרהאַנגלעך באַוועגען,
פון גאַס הילכט אַב א הוק, א סטוק,
עס ציהען פערד און וועגען.

מיר דאַכט — מען קומט אין שטאָדט צום מאַרק,
איך הער „שטאָ־מייעש“ שרייען,
און אידען לויפען אום פערטאָהן,
און קריגען זיך און שמייען.

איך הער ווי ווייבער שווערען זיך,
און יונגע העהנער קרעהען,
און קעלבער מיט פערוואָרפ'נע קעפּ
דורך וועגען־פלעקלעך „בלייען“.

עס הירזשען פערד. דער סאָטסקע פלוכט,
די זונטאגס־גלעקער קלינגען,
און אויף די קלויסטערס ברייטע טרעפּ
קליבאַנער בעטלער זינגען.

ניט איין בעווייבטער איד האָט היינט
ביים דאַוונען צוגעאיילט זיך,
און ניט איין אידיש עופה'לע
האָט פון פריה אָן צובייילט זיך.

די הייזער לעער, די שוהלען פוסט,
די גאַס האָט די הכנסה,
דער גאַנצער מאַרק — איין שענק; עס שמעקט
מיט בראַנפען און פרנסה.

.4

בין איך מיר אַ בחור'ל,
אַ בחור'ל אַ לייט,
טאַטע, מאַמען פּוקעניש,
שטעכענים אין זייט.

כ'שלאָג די קליינע ברידערלאך,
שלאָג פאר יעדע האאר,
און דער בת־יחידה'לע
רייס איך פאר די האאר.

עסען עס איך ווען איך וויל,
גייט אליין צום טאָפּ,
פון געפּרעגעלס, איינגעמאַכטס
זאָג איך זיך ניט אָפּ.

ווי עס פאַלט די נאַכט נאָר צו,
טראַכט איך שוין ניט לאַנג,
לאָז זיך איבער'ן שטעדטעלע,
אויף אַ גוטען „פאַנג".

חן'עוודיגע מיידעלאך
מיט געווירצטע צעפּ,
היט זיך, היט, פערדרעהען אייך
וועל איך שוין די קעפּ.

טרעף איך איינע אויף דער גאַס
פרעג איך ניט: מען טאָר?
קנייפּ איך איהר און קוש איך איהר,
וויפיעל ס׳גלוסט זיך נאָר.

כ׳קלאַפּ אין פרעמדע לאָדען נאָך,
ז׳יעדען לייטיש הויז:
„שטעהט ר׳ שלום אויף צו חצות,
מ׳וואַרט אויף אייך אין קלויז“.

אויפ׳ן וועג דעם נגיד׳ס סאַד
מאַך איך אַ וויזיט,
„נעהם אַרום“ אַ קאַרשען צווייג,
בין איך גאָר שוין קווים.

אַז איך קום אַהיים מיט טאָג
בריאַזגע איך אין טיהר,
געהט דער טאַטע עפענען,
רעדט קיין וואָרט ניט מיר.

נור ווען ער אין בעט זיך לייגט,
ז׳בעטיל הינטער׳ן וואַנד,
הער איך ווי ער שילט זיך שטיל,
אַרט׳ס מיך ווי די וואַנד.

.5

דער ערשטער שנעע

ווייסע, לייכטע שניי־בוקעטען
ווארפט פון אויבען מיר דער הימעל,
ווי אמאָל פלעגט מיר דער מלאך
ווארפען זילבער געלד פון באלקען.

פאלען לאנגזאם אויפ׳ן קאָפּ מיר,
לייגען זיך אויף האלז און נאקען,
שטיל און צערטליך, ווי די קושען
פון א גוטער, טרייער שוועסטער.

ליעבער אָוועגד, שטילער אָוועגד,
שטילער ווינטער זיי געגריסט,
דו דערמאָהנסט מיר היינט מיין קינדהייט,
וויעדער פיהל איך זיך דערפרישט.

* *
*

איך בין נאָך א חומש אינגעל,
געה ביי־נאכט אהיים פון חדר,
אין דער האנד א רויט לאמטערנע,
אויפ׳ן באק דעם רבינ׳ס פינגער...

געהען מיר ארויס פון חדר
דורכ׳ן קליינעם פינסטערן פירהויז,
שטופּען מיר זיך אין דער פינסטער,
איינס דעם צווייטען גיעט סטיסאקעס.

פלוצלונג זעה — אַ טאָג אַ נייער,
— עמיץ האָט די טיהר געעפענט,
וואָס איז דאָס פאר ווייסע גאָסען?
ווייסע דעכער? מענשען ווייסע?

ס׳געהט אַ שניי, אָ, פרעהליך קינדער,
עס וועט זיין אַ סוף דער בלאָטע,
גיכער לויפט אַהיים, און שלאָפען —
מאָרגען וועט אַ שליט־וועג ווערען.

מאָרגען וועלען גלעקלאך קלינגען,
בייטשען קנאַלען, האָרנס שאַלען,
דורכ׳ן שטעדטיל וועט דער פריץ
אויף אַהאָטע מאָרגען פאָהרען.

מאָרגען וועלען מיר זיך קייקלען
אינ׳ם שניי און מענשלאך מאַכען,
און פון חדר געהענד ווארפען
זיך מיט „קוילען", שטיפען, לאַכען.

און אַ ליכטיגע לאַמטערנע
אין אַ הורבע שניי איינגראָבען,
מיידלאך וועלען געהן — זיך שרעקען,
ל׳מיינען: וועלף אין שטאָדט געקומען.

* *
*

ווייסע, צאַרטע קאַרשען־בליהונג,
שיטען זיך פון גרויען הימעל,
גלעטען, קושען מיר דאָס פנים,
ווי אַ גוטע, ליעבע שוועסטער.

גוטער אָווענד, שטילער אָווענד,
דו דערמאָהנסט מיר קינדער יאָהרען,
זיי געגריסט מיר, טויזענד דאַנקען
שיקט דיר איצט אַ מיעדער וואַנדרער.

.6

שיקט ער מיר אַ בריעף אריין
שרייבט מיר: קומט צוגעהן;
בין איך אָבער שעמעוודיג,
קום איך ניט צוגעהן.

שרייבט ער מיר אַ צווייטען בריעף:
— ר'האָט אויף מיר פארדראָס...
בין איך דאָך אַ יונגעס קינד,
וויים איך ניט פאַר וואָס.

אויף דער דריטער נאַכט אין גאַס
געגענט ער מיך אָן;
רעדט צו מיר, ער האָט מיך ליעב,
וויל אַ קוש מיר טהאָן.

שרעק איך זיך און פאַל אַוועק
ז'חלשות אויף זיין ברוסט.
נעהמט ער זאַכט מיין קאָפּ אריין
אין זיינע הענד און קושט.

.7

לייג איך מיר אין בעט אריין,
לעש מיר אוים דעם פייער,
ז'ווארט — באלד קומען וועט צו מיר
דער וואָס איז מיר טייער.

באהנען קומען צוויי ביים טאָג,
איינער קומט אין אָבענד,
ט'פאָהרט אַ גלעקעלע גלין-גלאַן,
אָט איז ער שוין נאָהענט.

עמיץ זוכט די טיהר און טאַפּט,
רופט מיך ביי דעם נאָמען,
כ'שפּרינג אַ באָרפיסע פון בעט,
„ער" איז דאָס געקומען....

שטונדען האָט די נאַכט גאָר פיעל,
איינם דער צווייטער טריבער,
איינע איז אַ פרייע נור,
ווען עס קומט מיין ליעבער.

.8

הימלען טיעף בלאָהע מיט גאָלדענע שריפט,
וואסערן שווארצע אין בוימער פערטיעפט.

נעכט פון'ם זומער פול תאוה און לוסט,
רויט די לבנה און גליהענד די ברוסט.

פאָהרט אויפ'ן טייכעל אַ שיפעלע אום,
זיצען צוויי מענשען דאָרט נאָהענט און שטום.

לויפט פאר'ן שיפעל אַ זילבערנער שוים,
רוהט זיך דאָס שיפעל אָב הינטער אַ בוים.

פלעכטען צוויי שאטענס זיך ענגער צונויף,
כאַפט זיך אַ שלאָפעדיג פויגעלע אויף.

עפעס אַ סוד האַלט פערבאָרגען די נאַכט,
אַזוי ווי אַ שומר דער בוים שטעהט און וואַכט.

.9

דער מיידעלס קלאג

כ׳האָב אַ בריוועלע געשיקט,
צו מיין נחת, צו מיין גליק,
אין דעם בריוועל שרייב איך איהם:
אַז גאָר הארצליך ליעב איך איהם.

„ליעבער, ליעבסטער קום צו־געהן,
כ׳האָב אַ קאַמעריל אַליין,
און פון דרויסען איז די טיהר,
ליעבער, ליעבסטער, קום צו מיר“.

„קום ביי טאָג, צו קום ביי־נאַכט,
שטענדיג בין איך אויפגעוואַכט,
בלויז אַ איינציג קלאַפּ אין טיהר,
זיין וועל איך שוין נעבען דיר“.

„כ׳האָב אַ מיטאג צוגעגרייט,
פּוטער, קעז און ווייסען ברויט,
און די אַלטע, שוואַרצע בעט,
מיט אַ קאַפּע שעהן פארבעט“.

כ׳זיץ דעם גאַנצען טאָג און הער:
— ? געהט ניט עמיץ? קלאַפּט ניט ווער
אָט־אָ שלאָגט די צוועלפטע שעה
און מיין ליעבסטער איז ניטאָ!

.10

א ווינטער וועג

ניט קיין באַרג, ניט קיין צאַם,
פריי און אָפען די וועלט,
ניט קיין טייך, ניט קיין גרוב,
געה וואוהין דיר געפעהלט.

ס'אַרא וויים, ס'אַרא ברייט
פאַר דעם מענשליכען בליק,
ס'האָט דער פראָסט אויסגעבויט
איבער נאַכט אַזאַ בריק.

ווייסע פעלד, ברייטע פעלד,
און אַ וועגעלע שמאָל,
ווי אַ גלאַנציגער שווערד,
טהיילט אויף צווייען דעם טהאָל.

און אַ פינטעלע קומט,
ווי אַ פליעג קליין און שווארץ,
טאַנצט און שפרינגט אין גאַלאָפּ
אויף דער ערד'ס ווייסער הארץ...

און אַ גלעקעלע קלינגט,
פרעהליך־העל איז זיין טאָן,

ס'קנאַלט ביים קוטשער די בייטש,
ס'טראָגט דער פערד ווי ער קאָן.

ס'פאָהרט אַ סוחר פון שטאָדט,
וואָס איהם שנעע, וואָס איהם קעלט,
טראָגט אַ וואַרעמען פעלץ,
פיהרט אַ בוזים מיט געלד.

פיהרט אַ בוזים מיט געלד
פאַר דעם גראַף בערעסטאַן,
קויפען וועט ער זיין וואַלד,
בוימער שטעלען צום באַהן.

הילכען וועט באַלד אין וואַלד
פון די קלעפּ פון די העק,
בירקע, סאָסנע און יעל,
פאַלען וועלען פאַר שרעק.

11.

האַקט קיין מערה מיר
אין אַ האַרטען פעלז,
זינקט מיין ארון ניט
אין זם טיפען ים.

אויף אַ גרינער פעלד,
ביי אַ שמאָלען וועג,
גראָבט אַ קבר אויס,
לעגט מיך דאָרט אַוועק.

וועט אַ בערגעלע
דאָרט זיך אויפהויבען,
וועט אַ קוויטעלע
דאָרטען אויסשפּראָצען.

וועט אַ מיידעל געהן,
און איהר אויסרייסען,
וועט מיין טוידטע האַרץ
דעמאָלט טרייסטען זיך.

.12

דער וועכטער

גרוי און פייכט. א קאלטער רעגען
זיפט זיך דין ווי דורך א טוך.
וויסט דער מארק. אליין דער וועכטער
ציעהט די ציילען קראמען דורך.

דורכגענעצט. די באָרד אין פענזלען,
ס׳קלאפט זיין האמער דומפּף און מיעד.
און ער טראכט: צו וועלכע קלאגען
שטעה איך דא און פריהר און היט.

וועלכער טייוועל וועט זיך לאזען
אין א נאכט אזא אין קאן,
וויקען זיך ביי נאסע טיהרען,
ווען ער לייטיש שלאפען קאן.

איך האב אויך אן אייגען ווינקעל,
און א ווייבעל יונג און היים,
און זי וועט זיך צו מיר טוליען,
ווא׳מען ביז׳ן מארגען גרוים.

.13

פון פענסטער

זי שטעהט אויף זייגער ניין
פון בעט, אָהן קלייד, אָהן זאָקען,
א שלאַנקער קערפּער'ל געמישט פון בראָנז און מאַרמאָר,
און ס'הוידען זיך ביים האַלז צוויי שוואַרצע, יונגע לאָקען.

זי שטעהט אויף זייגער ניין,
און שפּיעלט זיך מיט דער מוטער,
זי זעצט זיך אויף איהר שויס, און פּאַטשט איהר אויף די באַקען,
און מיט דער קליינער האַנד בעפעהלט זי „ברויט מיט פּוטער“.

זי שטעהט אויף זייגער ניין,
די מיידעלע אַנטקעגען,
און לויפט פערשייט אַרום, און טאַנצט אַנקעגען שפּיעגעל,
ווי זונען שטראַהלען צוויי, די פיסלעך זיך בעוועגען.

14.

דריי פענסטער — עס שטעהען דריי ווייבער
און קאָכען אַ שבת געריכט,
דריי רויכענדע אייוועגס — דער שווים רינט
פון יעטוויעדער הויז־פרוי'ס געזיכט.

דאָך וואַרט, אויף דער נאַכט — ווען די פיערטע,
די מלכה וועט קומען צו זיי;
אַ פּאַלאַץ וועט זיין יעדע קאָך־שטוב,
אַ הויף־דאַמע יעטווידע פרוי.

.15

פרייטאג פארנאכט

איך זיץ אויפ'ן פריזבע אין דרויסען.
פון ווייטען אַ בערגעל זיך הויכט,
אַ שטיבעל שטעהט קרום אויפ'ן בערגעל,
אין פענסטער אַ מיידעל זיך בלייכט.

אין שטוב זינגט דער טאַטע לכה־דודי,
אַן אומעט פערקוועטשט מיר דאָס האַרץ
די זון איז אין מערב פערגאַנגען.
דער בערגעל ווערט ווייטלאך און שוואַרץ.

די זון איז פערגאַנגען. אין פענסטער
אַ בענש־ליכטעל חן'עוודיג ברענט.
די בלייכליכע מיידעל דעם פנים
בעהאַלטען האָט פרום אין די הענד.

די עלטערע שוועסטער זאָגט: „שלמה'קע,
דיר געהט דאָך שוין דרייצעהנטער יאָהר.
געה נעהם זשע אַ סידור און דאַווען,
נור היפ ניט, פערפעהל ניט קיין האָר.

די זון איז אין מערב פערגאַנגען;
דער הימעל, די ערד זיינען שוואַרץ;
ז|אַ פענסטער נור בלייכט זיך אַ מיידעל;
אַן אומעט פערקוועטשט מיר דאָס האַרץ.

.16

עס גערהט אַ שניי. מלאָכים שטעהען
אויף הויכע, גראָהע וואָלקענס דעכער
מיט ברייטע רידלען אין די הענד,
און שפּרייטען גביריש גאָט'ס מתנות
אויף מאַרק און גאַסען, דעכער, ווענד.

און ס'פאַלען שנעעלאַך, ווי בלומען,
אויף יונגע, שווארצע מיידלאַך'ס קעפּ,
און אויף די פּורפּור בעקלאַך פאַלען,
און ס'לאַכען לוסטיג העל די מיידלאַך
ווי זוממער מאָרגענס, זונען שטראַהלען.

און אינגלאַך מיט צופרוירנע פינגער
זיך קוילען מאַכען פון די בלומע
און ציעלען ערגעץ אין אַ וועט....
און טרעפען אין אַן אַלטען אידען,
וואָס גערהט אַהיים פון שול'כל שפּעט.

פיערטע אבטהיילונג

.1

די א ג א ם

דו קענסט די גאַם? די בייזע גאַם?
דאָרט קראַכען באָמבעס, ביקסען קנאַלען,
דאָרט שניידט דער טוידט מיט טויזענד טערפעס,
און ווי די זאַנגען — מענשען פאַלען.

דאָרט הילכט דער קרעכץ ווי שווידער־גלעקער,
ווי שוואַרצע פויגלאַך קללות פליהען,
שוין אוים מיט חופות און כלי־זמרים,
בלויז שטומע טוידטען־וועגען ציהען.

און אויב, מיין פריינד, אין הארצען דיינעם,
נאָך לעבענס־דורשטיגע ליכטער ברענען,
אַ, לויף פון דאָרט, קיין מענשען גוטע
זאָל'ן איהר דער בייזער גאַם ניט קענען.

.2

אין דעם שכן'ס לאַנד, — דערצעהלט מען,
טאָגט שוין אויף דאָס ניי,
פויגלעך זענען אויפגעשטאַנען,
זינגען, שאַלען פריי.

פרעמדע לענדער, פרעמדע גליקען,
פרעה זיך ניט מיין הארץ,
אונז'רע פויגלען שטומען אַלע,
אונזער נאַכט איז שוואַרץ.

שלאָף מיין האַרץ, אין אונזער וועלטיל־
איז נאָך חושך, שטום,
ניט קיין זונען שטראַהלען — שאָטענס
בלאָנדזשען דאָ אַרום.

.3

אַ שלעכטער יאָהר. ס׳האָט ניט געראָטען,
געבליבען איז די לאַנד אָהן ברויט,
עס האָט געקאַרגט דער הימעל רעגען,
און מענש און פיה ליידט הונגער־נויטה.

געפלאַקערט האָט די זונן, געבראָטען,
און אויסגעברענט אין זאַנג דעם קאָרן,
און וואָס די זונן האָט דורכגעלאָזען,
פערטראָגען האָט אַ ווינד מיט צאָרן.

די פעלדער וויסט ווי נאָך אַ היישרעק,
דער טאָק איז הויל, דער שייער לעער,
עס זיצען אומעטיג די דרעשער,
און קיין געזאַנג זיך הערט נישט מעהר.

אַ שלעכטער יאָהר. ס׳האָט ניט געראָטען,
געבליבען איז די לאַנד אָהן ברויט,
דאָך איינער איז געבענשט מיט שפע,
דאָך איינעם געהט — דאָס איז דעם טוידט.

עס שניידט זיין ברויט ביי אַלע וועגען,
ער שניידט און בינדט סיי טאָג סיי נאַכט
ער האָט די קאַרעס אָנגעלאָדען,
און אַלע שפייכלערס פול געמאַכט.

.4

דיא געשיכטע

קאַזעמאַטען, עשאַפאָטען,
ריכטער, הענקער, שטריק און העק,
שווערעם האַרכלען און קאָנוואולסיען,
קברים, קברים אָהן א ברעג.

אָט האָט איהר זי, די געשיכטע,
עפענט אויף דעם שווארצען בוך,
צוואַנג, ענוים, ארבע־מיתות
ציהען זיינע בלעטער דורך.

ס'פלעגען הונגער־יאָהרען טרעפען,
ברויט האָט אויסגעפעלט דער וועלט,
הערשער, בלוטיגע משפטים,
דאָס האָט קיינמאָל ניט געפעהלט.

גאָר אָהן זונען־שיין און רעגען
האָבען זיי זיך וויים צושפּרייט
און געמעהרט זיך און געראָטען
וואו מען האָט זיי ניט געזייט.

.5

וואָס דער טאָג פערמאָגט דער קלאָהרער,
זיינע בלומען, זיינע זאַנגען,
אַלץ בעווייזט ער, אַלץ צושענקט ער.
פיעל עס קען דאָס אויג דערגרייכען,
פיעל עס קען דאָס האַרץ פערלאַנגען.

דאָך איך זאָג אייך, גרעסער, רייכער,
איז די נאַכט מיט איהרע סודות,
נאָר איהר, גאָט'ס־געשטראָפטע מענשען
טאַפּט און זוכט און פאַלט פערמאַטערט,
אייער אייג' נער שוואַכקייט'ס עדות.

.6

פון דער זייט

איך האָב געזעהן: מען האָט געשטעלט
אַ תליה פאַר אַ יונגען העלד, —
מיין פענסטער איז אַרוים צום הויף
אַוואו מען היינגט פערברעכער אויף. —

איך האָב מיין לעמפּעל אויסגעדרייט,
אַ שוואַרצען בגד אויסגעשפּרייט,
איבער'ן פענסטער און געמאַכט
אין העלען צימער חשך־נאַכט.

און דורך אַ קליינעם, שמאָלען שפּאַלט,
גלייך ווי אַ פרעמדער שטום און קאַלט,
דעם אָטעם טיעף אין זיך פערשטיקט,
מיט נייגעריגקייט צוגעבליקט:

צוויי מענשען האָבען זיך געדרייט,
און עפּעס אויפ'ן הויף געבויט,
מיט האַמער, טשוועקעס, זעג און האַק,
מיט שטריק און לייטער האַק און פּאַק.

געצויגען האָט זיך לאַנג די נאַכט,
איך האָב מיין אויג ניט צוגעמאַכט,

קיין טריט פון פענסטער ניט אוועק,
איך האָב געקוקט אָהן האַס, אָהן שרעק.

אין קוימען האָט געפייפט דער ווינד,
געבולען האָבען ערגעץ הינד,
געהירזשעט אין אַ שטאַל אַ פערד —
דאָס האָט די אַרבייט ניט געשטערט.

און אַט צוויי סלופּעס שטעהען גרייט,
אויף זיי ליעגט אייגער אין דער ברייט,
אין איהם שטעקט פעסט אַ שוואַרצער קרוק,
און ס'בלייכט זיך אין דער נאַכט אַ שטריק.

און שטיל האָט מען אַ מענש געבראַכט,
צופיהרען אין דער האַלבער נאַכט,
פערוואָרפען אויף זיין קאָפּ אַ העמד —
אַ פריינד? אַ ברודער? ס'איז מיר פרעמד.

און פעסט און זיכער, שטומערהייט
אַרום זיין האַלז די שטריק פערדרעהט —
דערנאָך האָט עפּעס ווייסעס שווער
זיך אומגעוויעגט אי הין אי הער...

איך האָב געזעהן אַלץ דורך אַ שפּאַלט,
און בין געבליבען שטום און קאַלט.

אין קוימען האָט געפייפט דער ווינד,
געבולען האָבען ערגעץ הינד.

.7

דארף און שטאדט

„איך שפייז דיך, שטאָדט, מיט ברויט און פוטער,
מיט אָקסען, היהנער צו גענוג,
איך שיק דיר לאַנגע קאַראַוואַנען,
מיט יעדער שעה אַ נייעם צוג.

דיין ערד איז שטיין, און בליי דיין הימעל,
און קוימענס טאַרטשען אומעטום,
אויף דיינע בוימער היינגט קיין עפּעל,
און דיינע וועלדער זענען שטום.

נאָר איך גיעב דיר אי ווייַן אי פרוכטען,
פון מיינע טייכען ציהסטו פיש,
איך שיק דיר טוזענד זיסע זינגער,
און ציער דיין הויז מיט בלומען פריש.

אויף מיינע לאָנקעס, מיינע בערגלאך
געפינט דיין קינד אי רוה אי גליק,
איך שענק איהם פולע, רויטע באַקען —
דאָך דו, שטאָדט, זאָג, וואָס גיעבסט צוריק?

עס ענטפערט אָב די שטאָדט מיט שטורעם,
דורך פולווער, רויך און גלעקער־קלאַנג:
„איך צאָהל מיט ריכטער און משפטים,
מיט ענגע תפיסות — קייטען־צוואַנג“.

8.

וואָס געהט מיר אָן אייער מלחמה,
וואָס קומט מיר פון אייער נצחון,
און ווערט איהר די זיעגער—פערגעסט איהר
וואָס נעכטען נאָך האָט איהר פערשפּראָכען.

און ווער ס'זאָל ניט טרייבען דעם וואָגען,
אַריבער געהן וועט דאָך מיך יעדער,
און ליעגען וועל איך אַלץ פון אונטען,
און בלוטען פון צווישען די רעדער.